# משנתו

מאמרים, מאורעות ופעולות בתוככי היהדות הנאמנה ההולכים לאורו של

**מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע**

יו"ל ע"י תלמידי וחסידי סאטמאר - ארה"ב

שנה ז' גליון קצ"ד | וירא - חיי שרה תשפ"ו לפ"ק




# הונדערטער טויזנטער ביי עצרת "זעקת התורה" אין ירושלים עיה"ק קעגן גזירת הגיוס בראשות מרן גאב"ד ירושלים שליט"א ובית דינו הצדק



בעז"ה ח' חשון תשפ"ו

כאשר ריבי רבבות אלפי ישראל מכלל העדות והחוגים עומדים להתכנס מחר לכינוס מחאה וזעקה גדולה כנגד פעולות השלטונות לעקור תורה מישראל בגזירת הגיוס המחרידה כל לב ועל רדיפת ומעצר הבחורים והאברכים היקרים, אוי לדור שככך עלתה לו בימיו, הרי הדבר ברור שחובה להשתתף עם הציבור ולהרבות כבוד שמים ולהכריז בקול גדול כי כל כלי יוצר עליך לא יצלח ועלינו לעמוד על המשמר במסירות נפש נגד הגזירה בלא לוותר אפילו על נפש אחת

הכו"ח בצער רב

"לא לוותר אפילו על נפש אחת": מכתב קודש פון רב שליט"א שטעלט טאן פונעם עצרת // "לשמור על ההסדר שהי' קיים במשך כל השנים": טראץ פארטייאישע-אינטערעסן פרואוון ארייגצורוקן עפעס וועגן בעפארשטייענדן חוק הגיוס, רופט עצרת - נאך קאטעגארישע קעגנערשאפט פון רב שליט"א והבד"ץ - אנצוהאלטן לאנגיאריגן "תורתו אומנתו" צוגאנג // שארפער עצרת מחאה פאררופן היינטיגן דאנערשטאג דורך מרן הגאב"ד והבד"ץ, אין אנבליק פון ווייטערדיגע ארעסטן, הר"ר שמעון שישא טרעט אויף מיט פייערדיגע דבר המחאה

**הכסף יענה את הכל: שווידערליכע באריכטן איבער ווייטערדיגע פלענער פון חרדי'שע חברי כנסת צו שטימען פאר נייעם פשרות-געזעץ מיט אזויפיל ווי 50% יעדים!**

# אסיר ציון הב' המופלג אריאל שמאי נ"י ווערט פלוצים באפרייט דעם מיטוואך, נאך אנגייענדע פעולות פון ראש המצילים הר"ר שמעון שישא

ווערט פייערליך אויפגענומען דורך הגאון רבי משה הלל הירש מר"י סלאבאדקע, אין באגלייטונג פון ר' שמעון, ביי וועמען ראש ישיבה הערט דעטאלירטן באריכט




איזראעלי זשורנאליסט באריכטעט איבער אויפנאמע פון הב' אריאל שמאי דורך הגרמ"ה הירש, אין באגלייטונג פון "אבי האסורים" ר' שמעון שישא וועלכער באגלייט אים די גאנצע צייט

ויצעקו אל ה' בצר להם

# היסטארישע מחאה קעגנאיבער ציוני'סטישן קאנסולאט אין מאנטרעאל, קאנאדע, פאראייניגט טויזנטער מוחים קעגן ציוני'סטישע מדינה און גזירת הגיוס










# קאמף קעגן טריפה'נע שקאלעס אין ארה"ק

משה יודא יואל ווייס

**פארזעצונג פון פריער:**

דער קאמף פאר טהרת החינוך אין ירושלים עיה"ק זעצט פאָר אומאויפהערליך. דער שטן מיט זיינע שלוחים שטעלן נישט אפ זייערע פרואוון אריינצושטעקן זייערע נעגל אין די פעסטע חומה ארום ירושלים, בעיקר דורכ'ן פארגיפטן דעם ריינעם חינוך מיט אריינמישן גוי'אישע שטודיעס אין ערליכע חדרים.

תרכ"ו האט דער אשכנזי'ש-ספרדי'ישער געמיש, רבי יצחק פראג-אפלטוקה, געעפנט אזא שעטנז מוסד "דורש ציון" אין ירושלים, אויך גערופן "די בלומענטאל שולע".

**און אצינד ליינט ווייטער:**

ווי נאר עס איז באקאנט געווארן אין ירושלים עיה"ק דער פלאן צו גרינדן א פרישע ווערסיע פון די "לעמל שולע", נאר אונטער א מער פארשלייערטער 'פרומער' מאנטל, האט זיך אנגעהויבן א פרישע קאכעריי. נאכדערצו ווען ס'איז געקומען בלויז א יאר נאכן איבערקערעניש וועגן די ראטשילד מיידל שולע.

פראג-אפלטוקה האט פרובירט זיך צו באווארענען, ער האט געגומען מיט זיך נאך עטליכע חברים וועלכע זענען אויך ארויפגעקומען פון חוץ לארץ, ווי אויך האט ער גענומען א ספרד'ישן רב ר' דוד בן שמעון פון די "עדת המערביים" (וועלכע זענען געווען צוקריגט מיט די אלגעמיינע ספרדים, ווי מיר האבן שוין מאריך געווען אין א פריערדיגן ארטיקל), ווי אויך האט ער אוועקגעשטעלט א לענגערע צייט פאר לימודי קודש, אין איינרעדעניש אז דאס וועט שוין זיין מער 'אויסגעהאלטן'.

די ערשטע שטיק צייט איז אבער די מערכה געווען אויף א קליינעם פארנעם, ווייל אנהויב איז די תלמוד תורה געווען פלאצירט אין ספרדי'שע בתי מדרשים, אזוי אז עס האט געהאט דעם בליק און געפיל פון א ספרד'ישע מוסד, און ליידער, ווי שוין ערוועגט, האבן די ספרדים גענומען א מער לייכטערן צוגאנג צו דעם גאנצן ענין [וואס איז בעצם געווארן מיט די יארן די פירצה דורך וואו דער ס"מ האט זיך אריינגעכאפט.

## צוגעלייגט צום קאנטראקט

אנהויב תרכ"ט האט דער מוסד זיך גענומען צום קומענדיגן שטאפל, מיט'ן חשבון צו ווערן א צענטראלע מוסד אין ירושלים. דער דערמאנטער יוסף בלומענטאל האט מנדב געווען גרויס געלט אפצוקויפן א שיינעם בנין נעבן שכונת "בתי מחסה", און ירושלים האט גענומען זידן איבער די פרישע פירצה וואס וואקסט דא ארויס.

כסלו תרכ"ט איז פריש פארעפנטליכט געווארן דער חרם פון די פריערדיגע יארן, אבער אן ספעציפיש ארויסשרייבן דער נאמען פון די תלמוד תורה דורש ציון.

ס'איז אבער זייער קלאר אז רבי יצחק פראג-אפלטוקה איז געקומען אונטער געוואלדיגע דרוק, ווייל מ'זעט אז דער שטר מכירה וואס ער האט אונטערגעשריבן מיט'ן אייגנטומער פונעם בנין, האט ער עטליכע וואכן נאכ'ן פארשפרייטן דעם חרם צוגעשריבן עטליכע שורות, ווי פאלגנד:

"און ס'איז אויסגענומען געווארן קלאר אז דער דערמאנטער חצר איז געקויפט געווארן צו גרינדן דארט א ביהמ"ד ללימוד תוה"ק, און נישט פאר די לשונות העמים וועלכע זענען חוץ לארה"ק".

פון די ווערטער זעט מען אז לכאורה האט דער מוכר פונעם בנין זיך ערנסט דערשראקן פונעם הארבן חרם, און ער האט דעריבער פארלאנגט פון ר' יצחק אים אונטערצושרייבן קלאר אז זיין בנין גייט נישט ווערן גענוצט פאר עובר זיין אויפ'ן חרם.

## "הלבנון" נעמט זיך אן

מען פארשטייט אליין אז א פאראגראף אין א שטר איז ווייט נישט עפעס וואס וועט אפהאלטן א מענטש אנטשלאסן איינצושטעלן שענדליכע שינויים אינעם ערליכן חינוך...

מ'זעט אין דעם משכיל'ישן "הלבנון" צייטונג - וואס האט זיך ארגינעל געהאט געגרינדעט אין ארץ ישראל, אבער נאך וואס די טערקישע רעגירונג האט עס אפגעשפארט, איז עס יענע צייט ארויסגעקומען אין פאריז, וואו דער דערמאנטער יוסף בלומענטאל האט געוואוינט - א העסליכן באריכט עטליכע חדשים דערויף, ב' שבט תרכ"ט, איבער 'שווערע אטאקעס' קעגן די תלמוד תורה, געשריבן מיט זייער גיפטיגע משכיל'ישע שפראך.

ר' יצחק זעלבסט האט געשריבן אין זיינע מעמוארן אז מ'האט אים אליין אויך געשעדיגט.

למעשה, אדאנק דעם העפטיגן קאמף, האט קיין איין אשכנזי'שער טאטע נישט געשיקט אהיין קיין קינדער, בלויז עטליכע יתומים און א צאל ספרדי'שע קינדער האבן געלערנט דארט. דער מוסד האט אבער פארגעזעצט ווייטער, אונטער'ן מאנטל פון א ספרדי'שע מוסד.

## יד ה' היתה בם

נישט לאנג דערויף האט מען זיך איבערצייגט וויאזוי דער יד ה' האט באטראפן די גאנצע פירערשאפט און הנהגה פונעם מוסד. אנגעהויבן ווען א יאר דערויף, תר"ל, איז דער יוסף בלומענטאל געשטארבן. זיינע יורשים האבן נישט געשיקט ווייטער קיין געלט, און ר' יצחק פראג האט זיך מיטאמאל געטראפן דארפן אליינס צוזאמשטעלן פרוטה לפרוטה צו קענען אנגיין.

ער האט זיך געווענדן צו די טרויעריג-בארימטע משכיל'ישע "אליאנץ" אין פראנקרייך, ער האט באקומען עפעס פון זיי, אבער עטליכע יאר שפעטער אין תרל"ד איז דער בנין שווער געשעדיגט געווארן, דאס האט נאכגעפאלגט מיט א גאר שווערן ווינטער פון שניי און רעגן אין יאר תרל"ח, ווען דער בנין איז געגצליך חרוב געווארן.

ליידער איז דאס אבער נישט געווען גענוג אפצושטעלן די אקטיוויטעטן פונעם מוסד - וואס איז אינצווישן שוין טאקע געווארן א פולקאם ספרדי'שער מוסד. די ספרדים האבן געשיקט א "שליח" ר' רפאל אהרן בן שמעון, וועמענ'ס פאטער דער דערמאנטער ר' דוד איז געווען פון די גרינדער.

דער ר' רפאל איז געקומען באגלייט מיט המלצה בריוו פון די ספרדי'שע רבנים פון עדת המערביים, ווי אויך מיט שטארקע שטיצע בריוו דורך די עסטרייכישע און פראנצויזישע קאנסולן אין ירושלים, וואס האט אים געעפנט טויערן ביי רייכע מאגנאטן אין דייטשלאנד און פראנקרייך, און ער האט באוויזן אויפצוטרייבן גרויסע געלטער.

דער מוסד האט עקזיסטירט ביז אין די תש"ל יארן, ווען ס'איז גענצליך אונטערגעגאנגען, אזויווי פילע אנדערע מוסדות וואס האבן ליידער געדינט אלס מרכבה לטומאה, און שפעטער געווארן איינגעשלינגען דורך די ציוני'סטישע כפירה'דיגע חינוך אנטשטאלטן.

**(פארזעצונג קומט אי"ה)**

על משמר החינוך
דרכי המלחמה עפ"י משנתו של מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע

# ביים ריזיגן עצרת "זעקת התורה" אין ירושלים עיה"ק ה' לך תשפ"ו

## בראשות מרן הגאב"ד והבד"ץ שליט"א



ביים מושב הבד"ץ א' לך בראשות מרן הגאב"ד שליט"א וואו מ'האט אויסגעשמועסט איבער'ן בעפארשטייענדן ריזיגן עצרת



מרן הגאב"ד והבד"ץ ביים עצרת.
ווערט אויך געזען כ"ק אדמו"ר מדושינסקיא





טאראסע פון ספרדי'שע רבנים מיט קלארן מעסעדזש:
"קיין חוק מיט פשרות! קיין חוק מיט מכסות ויעדים!"



כ"ק אדמו"ר מתולדות אהרן
ביים עצרת





**דעו כי רעה נגד פניכם:**

## שארפער אויפרוף און ווארענונג דורך מרן הגאב"ד והבד"ץ קעגן פרישע פלענער פון מוסדות התורה זיך אריינצוּווארפן בידים אין שרעקליכער נעץ פון "ממ"ח"



ב"ה

# חרב פתחו רשעים דרכו קשתם

כבר הודענו צערינו ברבים בחורף תשפ"ה העעל"ט ע"ד הפרצה הנוראה של העברת מוסדות חינוך חרדיים לידי השלטונות בתוכנית הממלכתי חרדי - ממ"ח, **ולאחרונה נודע כי בית ספר בנות הדסה בפעיה"ק** עבר והעביר את התלמידות למרותם הבלעדית של משרד החינוך החילוני בנותנו חרב בידי אויבי היהדות החרדית לבצע את זממם, היל"ת, וכמובן שעל ההורים לדאוג להעביר את צאצאיהם למוסדות אחרים שלא במסגרת הממ"ח.

ובהיות ושמענו כי יש עוד מוסדות המתכוננים בימים אלו להצטרף אל שורות הממ"ח ח"ו, הננו בבקשה ותחנונים אל המנהלים וההורים, **גם אם בעבר לא חינכתם את צאצאיכם בדרך ההתבדלות מהנאתם וטובתם של רשעים, אולם העברתם כליל תחת שלטון הרשע מי התיר לכם?** האין בכם פחד ורעדה מהשתלטותם הכוללת על תכני וסדרי הלימודים, אשר גם לפי דבריהם הוא חלק מנסיון ההשתלטות על הציבור החרדי בכללותו באופנים של גזירות ופיתויים.

**דעו כי רעה נגד פניכם, פן חלילה יתפתו עוד מוסדות לתוכנית הממ"ח, אתם אחראים לבאים אחריכם ולתוצאות אשר יבואו על ידו חלילה וחלילה, ולא תוכלו לומר ידינו לא שפכו את הדם הזה ועינינו לא ראו.**

**עצרו מבעוד מועד את ההתדרדרות אל עברי פי תהום רבה, אל תוליכו את צאצאיכם אל חסותם של אנשי השלטון האומרים ערו ערו עד היסוד, אל תתפתו לאמר כי מאחוריכם גדולי ישראל בהסתר ובהצנע, אדרבה יעמדו נא מי בשער בת רבים ויכריז כי הוא אחראי על המציאות החדשה ועל תוצאותיו.**

ואנו את נפשינו הצלנו; וה' הטוב בעיניו יעשה לערות רוח טהרה ממרום לחנך את דורותינו אחרינו בדרך המסורה על מבועי התורה והיראה בדרך ישראל סבא, וצפיתינו צפינו כי בעגלא ובזמן קריב נזכה להתגלות כבוד ה' וירם קרן לעמו תהלה לכל חסידיו בבוא לציון גואל בב"א.

ובאעה"ח בחרדה על המשך חינוך הדורות יום ראשון ד' מרחשון תשפ"ו לפ"ק הביד"צ דפעיה"ק ת"ו

נאם משה שטרנבוך

נאם אברהם יצחק אולמאן | נאם יהושע ראזענבערגער

נאם יעקב מענדל יאראוויטש | נאם יהודה במוהר"י פישר | נאם שלמה יהודה הירש

נאם שמואל בהגה"צ מהר"ם זצללה"ה בראנסדארפער | נאם שמעון יצחק שלזינגר | נאם אהרן בראנדסדארפער



אסיר ציון הרב ארי' מרדכי ראַבינאָוויטש שליט"א אין לשכת הבד"ץ צוזאַמען מיט'ן אבי האסורים הר"ר שמעון שישא, וועלכער האָט נישט גערוט יומם ולילה ביז צו זיין באַפרייאונג בחסדי ה'



ביי לחיים אין אָפיס פון "מרכז עזרה ויעוץ שע"י העדה החרדית"



מיט כ"ק אדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א

וודרשו את שלום העיר אשר הגליתי אתכם שמה

# ווילדע ציוני'סטישע רעטאריק קעגן ניו יארק סיטי מעיאר-עלעקט זאהראן מאמדאני ברענגט שרעקעדיגע זארגן איבער קאשמארישע נאכווייען

ציוני'סטישע אינטערעסן דרייען איבער די וועלט קעגן 'מוסולמענער' מעיאר-עלעקט – מכלומר'שט זארגן זיי זיך פאר 'אידן אין ניו יארק', ווען דוקא זייערע העצערישע און רייצערישע סטעיטמענטס קענען ברענגען דאס מערסטע שאדן – אפגעזען פון פאליטישע מיינונגען, איז קלאר אז די סארט העצעריי קעגן ערוועלטן מעיאר און זיינע שטיצער, איז שרעקעדיג שעדליך

**וזאת לפנים בישראל: תלמידי וחסידי סאטמאר פארשטייען קריטישע וויכטיגקייט פון תורה'דיגע צוגאנג אין אזוינע מאמענטן; מיר דארפן נעמען די ריכטיגע אחריות'דיגע שריט, דורכשוויצן די לעצטע "גלות אמעריקע" ביז משיח צדקינו וועט אונז אויסלייזן פולקאם**



# יהדות הנאמנה גרייט זיך פייערלין צו געהויבענעם מסע הקודש און "שבת מירון" קומענדיגן שבת תולדות דורך כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א

## דברי הזרכה דורכ'ן רבי'ן שליט"א, ווינטער תשע"ו העעל"ט ווערן אצינד גע'חזר'ט:

"מען פארט קיין מירון נישט לשם הנאה גשמי פון הבלי עולם הזה, נאר ווייל מען וויל זיין משובתי שבת קודש, אויף א מקום קדוש, צוזאמען מיט אן עם קדוש, און מען האפט אז מען זאל שטייגן אין יראת השם, אהבת השם ... זייער אסאך פון די אידן וואס פארן, פארן נאר קיין מירון מתפלל צו זיין אויפ'ן ציון הקדוש און אנדערע צדיקים, הלוך ושוב.

"... ליידער, היינט ארץ ישראל איז אקופירט דורך די ציונים, זיי זענען די מושלים היינט דארט, זיי זענען די מורדים במלכות שמים און פורקי עול הגלות, און דאס דארף מען צו וויסן ווען מען פארט אהין. – וויל איך זאגן דא באזהרה ובבקשה: קיינער זאל נישט פארן אין די שטחים וואס ס'איז איינגענומען געווארן אין די מלחמה, אין יאר תשכ"ז, בשום אופן, די אלע שטחים איז ארייצוגיין אהין א געוואלדיגע סכנה.

"ס'איז איבעריג צו זאגן, מיר אלע זענען נזהר נישט צו גיין, נישט צו כותל המערבי נישט צו מערת המכפלה, און נישט צו קבר רחל, אזוי ווי ס'איז מבואר אין ספר על הגאולה ועל התמורה.

"...ארץ ישראל איז א פלטרין של מלך, יעדע פגם עבירה וואס מען טוט חלילה אין ארץ ישראל, איז זייער הארב, אסאך מער ווי אין חוץ לארץ.

"מען דארף זייער נזהר זיין וואס ס'איז נוגע כשרות אין מאכלים, מען דארף דאהי אויך נזהר זיין, אבער ליידער, אין ארצינו הקדושה, טאר מען נישט טועם זיין, איך רעד שוין נישט פון קיין פלייש וכדומה, נאר פשוט'ע זאכן ווי פירות און ירקות, אן קיין גוטע השגחה.

"מען פארט קיין ארץ ישראל, און ס'פארן סוחרים, מיט כלים, מען רופט דאס די "סמארטפאונס", אין חוץ לארץ איז אויך אן איסור, אבער אפילו ווער ס'האט א היתר ווייל ער דארף דאס באמת האבן פאר זיינע געשעפטן וויל איך בעטן: דארט אין אר"י זאל דאס זיין באתכסיא, באהאלטן, נישט ארויסנעמען בגלוי וואו אנדערע זעען"

## תלמידי וחסידי סאטמאר נוצן אויס געלעגנהייט מחזק צו זיין תורה על טהרת הקודש אין ארה"ק

- סאטמארע חסידים וועלן אויסנוצן געלעגנהייט מיטצוהאלטן פון דער נאנט פעולות הצלת נפשות ממש פון "מרכז עזרה ויעוץ", וועמענ'ס עקזיסטענץ איז ערמעגליכט בלויז דורך תלמידי וחסידי סאטמאר
- שליסן זיך אן מיט "שליח מצוה" געלט פאר מוסדות יטב לב בארה"ק, אראפצושטעלן שטארקן פינאנציעלן יסוד פאר די מסינ"פ סאטמארע מוסדות אין ארה"ק
- וועלן באזוכן מוסדות עטה"ק אין גאנצן לאנד, און ברענגען חיזוק און שטיצע פאר הונדערטער מוסדות און רבבות תשב"ר וועלכע זענען עומד בנסיון און נישט נהנה משולחן איזבל

עזרה ויעוץ

אזוי ווי הונדערטער אנ"ש גרייטן זיך יעצט צו פארן מיטצוהאלטן דעם געהויבענעם שבת תולדות בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א אין מירון, **כדי מען זאל זיך קענען אויסרעכענען מיט די טיקעטס** ווילן מיר מעלדן פאר די תומכים ונדבנים אז די חתונה פון **בנו בכורו פונעם ראש המצילים הר"ר שמעון שישא שליט"א** וועט בעז"ה פארקומען **ג' ויצא אין זאל פון כינור דוד אין בית שמש**. עס וועט זיין צוגעשטעלט **סעודת החתונה** און ער ערווארט צו טרעפן פערזענליך אלע **תומכים** וואס העלפן ארויס אלעמאל.

**נ. ב. אזוי אויך איז עס א פאסיגע צייט צו קומען באזוכן די 6 אפיסעס און זען פון דערנאנט די פעולות וואס מ'העלפט ארויס**

מודעה דורך "מרכז עזרה ויעוץ" פאר סאטמארע חסידים

**זיך מזכיר צו זיין פאר א ישועה ביי רבי שמעון בר יוחאי**

**און שיקן א קוויטל וואס וועט ווערן פארגעליינט ביים ציון קודש הקדשים דורכ'ן בעל מסירת נפש הר"ר שמעון שישא שליט"א**

רופט דעם עסקן המרכז בארה"ב הר"ר הערשל פר"מ הי"ו אויף 718.977.5227

להערות והארות אדער פאר מוסדות עטה"ק וועלכע ווילן אדווערטייזן אין אונזער גליון ביטע שיקן אן אימעיל צו mishnuso@gmail.com

**Mishnusoi** | POB 152, Monroe NY 10950 | **845.391.0399** | mishnuso@gmail.com